בעזרת השם יתברך

# פרק כה-כו

## • שמות •

### אין די פרקים ווען ערקלערט:

אַ פּשט אויף דעם מדרש "יברכך ה' בממון, וישמרך מן המזיקים".

די שעדלעכקייט פון די מדה פון קמצנות, וואָס דער קאַרגער מענטש ווערט איבערגעגעבן אין רשות פון די מזיקים רח"ל, און אַ מעשה וועגן דעם פון אַ קאַרגן מוהל.

דער קאַרגער און צר עין איז גורם שלעכטס פאַר דעם מענטש וואָס איז נהנה פון אים. - אַ מעשה פון נחום איש גם זו, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען יסורים. - די וויכטיגקייט פון געבן מיט אַ ברייט האַרץ צו עסן פאַר געסט.

דער "**פרי-מגדים**" זי"ע, שרייבט: "קב הישר", א לעבנס-וויכטיק ספר, וואס היילט די נשמה און גוף. אלע זיינע ווערטער זענען דורכגעטראכט און מוסר. עס העלפט סיי דעם תלמיד חכם און סיי דעם דורכשניטלעכן איד און פרוועך".

# אוצר של בטחון — מצוַת הבטחון

**העצה היחידה איך להציל את עם ישראל מהפחד הגדול במצב הנורא שלנו מהמלחמות של כל העולם כולו נגד עם ישראל - הגאולה תלוי-ה בנשים צדקניות כמ"ש** (סוטה יא:), **בזכות נשים צדקניות נגאלו אבותינו ממצרים. וכמו שהיתה גאולה ראשונה גם כן תהיה גאולה אחרונה** (קב הישר פ' פ"ב) **וכמ"ש אשה יראת ה' היא תתהלל** (משלי לא, ל).

**בזכות הבטחון נגאלו ישראל ממצרים,** שכן כתיב (תהלים כב, ה) "בך בטחו אבותינו, בטחו ותפלטמו, אליך זעקו ונמלטו, בך בטחו ולא בושו", ואמרו במדרש "אליך זעקו" כמה דאמר (ויאנחו בני ישראל מן העבודה ויזעקו", "ולא בושו" כמה דאמר (בשלח יד, ל) "ויושע ה' ביום ההוא את ישראל מיד מצרים, וירא ישראל את מצרים מת על שפת הים", וכל כך למה "בך בטחו ולא בושו", **הכל בזכות הבטחון.** (כד הקמח אות בטחון).

**העצה הוא:** ללמוד ולומר ולהכנים בלבו כל יום פסוקי ועניני בטחון בה' שהוא מצווה תמידית בכל רגע, כמ"ש "בטחו בו בכל עת" ועל ידי שנכנים בלבנו בטחון ואמונה בה', ע"ז הקב"ה יתנהג אתנו ג"כ במדה כנגד מידה שלא נצטרך לפחד משום אחד בעולם רק מפני הקב"ה ית"ש. שאמר שלמה המלך החכם (משלי טז ז), "ברצות ה' דרכי איש גם אויביו ישלים אתו" (עיין חובת הלבבות, שבט מוסר, קב הישר). ובזכות זה נזכה בקרוב ממש ל"שיבנה בית המקדש במהרה בימינו אמן.

1) אשרי יושבי ביתך עוד יהללוך סלה (תהלים פד, ה).
2) חזקו ויאמץ לבבכם כל המיחלים לה' (שם לא).
3) אשרי העם שככה לו אשרי העם שה' אלוקיו (שם קמד, טו).
4) ה' צבקות עמנו משגב לנו אלקי יעקב סלה (שם מו, ז).
5) ה' צבקות אשרי אדם בוטח בך (שם פד, יג).
6) ה' הושיעה המלך יעננו ביום קראנו (שם כ, י).
7) אתה סתר לי מצר תצרינו, רני פלט תסובבנו סלה (שם לב, ז).
8) דום לה' והתחולל לו, אל תתחר במצליח דרכו באיש עושה מזימות (שם,ג, ד).
9) ה' אלקי בך חסיתי הושיענו מכל רודפי והצילנו (שם ז, ב).
10) ואני בחסדך בטחתי יגל לבי בישועתך, אשירה לה' כי גמל עלי (שם יג, ו).

11) **הבוטח בשם יתברך יודע כי הסיבות כלם אצל השם יתברך שוות, יתן לו כמה שירצה ובעת שירצה מאיזה ענין שירצה** (חו"ה שער הבטחון פ"ג).

11) **לבטוח בה' בכל לבבך ולהאמין בהשגחתו הפרטית,** ובזה תקיים בלבבך היחוד השלם בהאמין בו כי עיניו משוטטות בכל הארץ, ועיניו על כל דרכי איש, ובוחן לב וחוקר כליות — **וזה יסוד כל התורה כולה** (אור"ח להרא"ש).

12) כל התולה בטחונו בקדוש ברוך הוא, הרי לו מחסה בעולם הזה ולעולם הבא. (מנחות כט, א').

13) התחבר עם האמונה והדבק בה, שהיא כוללת כל תרי"ג מצות, כמו שאמרו (מכות כג) בא חבקוק והעמידן על ארות, שנאמר (חבקוק ב, ד') "וצדיק באמונתו יחיה" (רמב"ן האמ' והב').

# אינהאַלט
## פון פרקים כ״ה-כ״ו


א. אין פרק כ״ה ווערט ערקלערט די כוונה פון מדרש ״יברכך ה׳ בממון וישמרך מן המזיקין״. - דער קמצן ווערט איבערגעגעבן אין רשות פון דער סטרא אחרא און די מזיקים געוועלטיקן אויף זיין געלט. - דער וותרן געהערט צו דער סטרא דקדושה............ ה

ב. דער קנס וואָס מר בר רב אשי האָט געיקנסיעט אַ מזיק............ ה

ג. די מזיקים קענען נאָר שולט זיין אויף די פאַרמערונג פון דער ברכה, אָבער נישט אויף דעם קרן............ ו

ד. דער מענטש וואָס איז קאַרג צו געבן צדקה, געפינט זיך אין רשות פון דער סטרא אחרא רחמנא ליצלן............ יג

ה. אין פרק כ״ו ווערט ערקלערט: אַז דער קאַרגער צר עין איז גורם שלעכטס פאַר זיך און פאַר דעם מענטש וואָס האָט פון אים הנאה. - אַ מעשה ווי אַזוי נחום איש גם זו האָט אויף זיך מקבל געווען יסורים ווייל ער האָט נישט תיכף געגעבן צו עסן פאַר אַן אָרימאַן. - א פשט אויף דעם פסוק ״צדיק אוכל לשובע נפשו ובטן רשעים תחסר״............ יד

ו. דער צר עין דאַרף תשובה טוהן אויך פאַר דעם וואָס ער האָט גורם געווען אַ צרה פאַר אַ צווייטן............ יד

ז. דער קמצן און צר עין איז גורם שלעכטס אויך פאַר זיך............ טו

ח. פאַרוואָס נחום איש גם זו האָט אויף זיך גענומען יסורים אויף דער וועלט............ טו

ט. ווען מען לאַדנט געסט דאַרף מען זיי געבן עסן מיט אַ ברייטע האַנט............ יז

י. פאַרוואָס עס איז געקומען אַ האַרבע שטראָף אויף נבל............ יז


❖ ❖ ❖

# פרק כה

**אין דעם פרק ווערט ערקלערט די כוונה פון מדרש ״יברכך ה׳ בממון וישמרך מן המזיקין״. - דער קמצן ווערט איבערגעגעבן אין רשות פון דער סטרא אחרא און די מזיקים געוועלטיקן אויף זיין געלט. - דער וותרן געהערט צו דער סטרא דקדושה.**

**א. כתיב,** עס שטייט אין פסוק (במדבר ו, כד) ״יְבָרֶכְךָ ה׳ וְיִשְׁמְרֶךָ״, דער אויבערשטער זאָל דיך בענטשן און דיך אָפּהיטן. דרש׳ענען דערויף אונזערע חכמים זכרונם לברכה (במדבר רבה פי״א, ה) ״יברכך ה׳ - בממון״, דער אויבערשטער וועט דיך בענטשן מיט געלט, ״וישמרך - מן המזיקין״, און ער וועט זיך אָפּהיטן פון די מזיקין. דעם דאָזיקן מדרש דאַרף מען פאַרשטיין.

**געפעלט** מיר צו זאָגן אַ פשט, לויט ווי אונזערע חכמים זכרונם לברכה האָבן געזאָגט אין מסכת חולין (דף ק״ה עמוד ב׳):

### דער קנס וואָס מר בר רב אשי האָט גע׳קנס׳עט אַ מזיק

**ב. הנהו שקולאי,** עס זענען געווען טרעגערס וואָס האָבן געטראָגן אַ פאַס מיט וויין, האָבן זיי זיך אַוועקגעשטעלט אָפּרוען אונטער אַ רינע און זיי האָבן דאָרט אַוועקגעלייגט דעם פאַס וויין. איז דער פאַס וויין צעבראָכן געוואָרן. האָבן זיי פאַרשטאַנען אַז דאָס האָבן געטוהן די מזיקים.

**ג. אתו לקמיה,** זענען זיי געגאַנגען זיך באַקלאָגן פאַר מר בר רב אשי. האָט מר בר רב אשי אַרויסגענומען אַ שופר און האָט מחרים געווען די מזיקים, כדי זיי זאָלן זיך אַוועקשטעלן פאַר אים צום דין. איז דער מזיק געקומען צו אים.

**ווען** דער מזיק איז געקומען צו מר בר רב אשי, האָט מר בר רב אשי

איך געפרעגט, פאַרוואָס האָסטו צעבראָכן דעם פאַס וויין? האָט דער מזיק אים געענטפערט, נאָר וואָס דען האָב איך געזאָלט טוהן אַז ער האָט אַוועקגעשטעלט דעם פאַס וויין אויף מיין אויער?

**האָט** מר בר רב אשי געזאָגט צו דעם מזיק, אין אַזאַ אָרט וואו עס גייען אַ סאַך מענטשן, ווי קומסטו דאָרט צו זיין? דעריבער דאַרפסטו אים באַצאָלן.

**האָט** דער מזיק געזאָגט צו מר בר רב אשי, באַשטים פאַר מיר אַ צייט ווען איך זאָל אים באַצאָלן. האָט מר בר רב אשי באַשטימט פאַר אים אַ צייט, אָבער עס איז געקומען די צייט און ער האָט נישט באַצאָלט.

**ד. כי אתא,** ווען ער איז געקומען און האָט געברענגט די באַצאָלונג, האָט מר בר רב אשי אים געפרעגט, פאַרוואָס ביזטו נישט געקומען באַצאָלן אין דער צייט ווען איך האָב באַשטימט? האָט דער מזיק אים געענטפערט, אַ זאַך וואָס איז פאַרבונדן אָדער פאַרזיגלט אָדער געמאָסטן אָדער געציילט, האָבן מיר נישט קיין רשות צו נעמען דערפון, ביז מיר געפינען אַ זאַך וואָס איז נישט פאַרבונדן און נישט געציילט און נישט געמאָסטן. דעריבער האָב איך מיך פאַרזוימט אַזוי לאַנג, ווייל איך האָב נישט געקענט באַקומען אַזאַ געלט וואָס איז נישט געציילט, ביז איצט, ווען איך האָב עס באַקומען.

## די מזיקים קענען נאָר שולט זיין אויף די פאַרמערונג פון דער ברכה, אָבער נישט אויף דעם קרן

**ה. והקשו,** פרעגט תוספות (תענית דף ח׳ עמוד ב׳, ד״ה אלא) אַ קשיא, פון דאָ איז געדרונגען אַז די מזיקין געוועלטיקן אין אַ זאַך וואָס איז נישט געציילט, און אין דער גמרא (דאָרט אין מסכת תענית) איז משמע פאַרקערט, אַז די ברכה געפינט מען נאָר אין געלט

וואָס איז נישט געציילט, ווי עס שטייט אין פסוק (דברים יח, ח) "יצו ה' אתך את הברכה באסמך" - אַ זאַך וואָס איז פאַרהוילן פון דעם אויג.

**ענטפערט** תוספות אַ תירוץ, דער אמת איז טאַקע, אַז די ברכה קען אַנדערש נישט געפונען ווערן נאָר אין אַ זאַך וואָס איז נישט געציילט, אָבער נישט אין אַ געציילטע זאַך, נאָר די מזיקים געוועלטיקן אויף דעם וואָס ווערט פאַרמערט צוליב די ברכה וואָס דער אויבערשטער ברוך הוא גיט אַריין אין דער זאַך. אָבער פון דעם קרן האָבן זיי נישט קיין רשות צו נעמען.

**ו. ואם כן,** לויט דעם פאַרשטייט מען שוין גוט דעם מדרש: "יברכך ה' בממון" - דער אויבערשטער וועט דיך בענטשן מיט אַ סאַך געלט, און וואו עס איז דאָ די ברכה מוז דאָס געלט זיין נישט געציילט. וועט דאָך דיר שווער זיין, די מזיקים האָבן דאָך רשות צו געוועלטיקן איבער דעם געלט, אויב אַזוי, נאָך וואָס טויג די ברכה אַז די מזיקים זאָלן ח"ו קענען געוועלטיקן דערויף? אויף דעם זאָגט דער מדרש ווייטער, "וישמרך מן המזיקים", און דער אויבערשטער וועט דיך אָפּהיטן פון די מזיקים, אַז זיי וועלן נישט האָבן קיין שליטה אַפילו איבער דעם וואָס וועט פאַרמערט ווערן דורך דער ברכה, און אַוודאי וועלן זיי נישט האָבן קיין שליטה אויף דעם קרן.

**ז. ורק אתה,** נאָר דו אַליין זאָלסט געוועלטיקן איבער דיין גוטס וואָס דער אויבערשטער וועט דיר געבן, און דאַן וועסטו קענען טוהן צדקה און גמילות חסדים.

**ח. או יש לומר,** אָדער מען קען זאָגן פשט אין מדרש לויט אַ משל וואָס איך האָב געהערט, אַ מעשה וואָס האָט פאַסירט מיט אַ מענטשן וואָס האָט געהאַט אַ גרויס רייכטום און גרויסע אוצרות פון גאָלד, זילבער און טייערע ברילִיאַנטן. דער מענטש איז געווען אַ גרויסער קמצן וואָס עס איז נישט פאַראַן אַזאַ קאַרגער מענטש אין דער גאַנצער וועלט, און אַפילו מאָנטאָגס און

דאָנערשטאָגס איז ער נישט געגאַנגען אין שוהל אַריין דאַווענען, ווייל ער האָט מורא געהאַט אַז ער וועט דאַרפן געבן אַ פּרוטה פאַר צדקה.

**בלויז** איין מצוה האָט דער דאָזיקער קמצן מקיים געווען, וואָס די דאָזיקע מצוה איז אים בייגעשטאַנען געראַטעוועט צו ווערן אין טאָג פון זיין גרויסן דין וחשבון, און נאָך דעם איז ער אויך געוואָרן אַ גרויסער וותרן, ווייל דער דאָזיקער מענטש איז געווען אַ מוהל, און אויב עס האָט זיך אים געמאַכט אַ ברית מילה צו מל'ען אַ אידיש קינד, אַפילו אויב דאָס קינד איז געווען ווייט פון זיין הויז פילע מיילן ווייט, איז ער געגאַנגען אַהין מקיים צו זיין די מצוה פון מילה, און ער האָט נישט גענומען קיין לוין דערפאַר, נישט פון אַן עושר און נישט פון אַן אָרעמאַן.

**ט. ויהי היום,** איז געקומען דער טאָג, ווען עס איז געקומען צו אים אַ ש"ד וואָס האָט אויסגעזעהן ווי אַ מענטש, און ער האָט צו אים געזאָגט: מיין ווייב האָט געבוירן אַ בן זכר, און ער האָט אים געזאָגט ווען עס דאַרף פאָרקומען דער ברית. דעריבער בעט ער אים ער זאָל קומען צום ברית מילה צו מל'ען זיין קינד.

**י. ותיכף,** דער מוהל איז באַלד געגאַנגען צו זיך אַהיים און ער האָט גענומען דעם מעסער וואָס ער פלעגט געווענליך מל'ען דערמיט די קינדער, און ער האָט זיך אַרויפגעזעצט אויפ'ן וואָגן צו גיין מיט דעם מענטש וואָס בעט פון אים ער זאָל מל'ען זיין זוהן, ווייל ער האָט געמיינט אַז דאָס איז טאַקע אַ מענטש, און ער האָט נישט געוואוסט אַז ער איז איינער פון די חיצונים רחמנא ליצלן.

**אַזוי** זענען זיי געפאָרן צוזאַמען אויפן וואָגן. אָנקומענדיק אין וואַלד, האָט דער מזיק אים געפירט אין אַ וועג וואו עס איז נישט אַריבערגעגאַנגען קיין מענטש, נאָר עס איז געווען אַ לאַנד פון בערג און טאָלן און מדבריות. אַזוי זענען זיי געגאַנגען צוויי טעג אָן אַן איבעררייס.

**יא. ויהי,** אין דריטן טאָג האָט ער אים געפירט צו זיך אַהיים, און דאָרטן איז געווען אַ קליינער דאָרף, וואָס איז באַשטאַנען פון אַרום 20 הייזער, אָבער עס זענען געווען גאָר שיינע הייזער. ווען דער מוהל איז אַריינגעקומען אין דעם הויז, האָט ער געזען אַז דער בעל הבית איז אַ גרויסער עושר, עס איז געווען אין דעם הויז פון אַלעם גוטן, פלייש און גרויסע פיש. דער בעל הבית האָט גענומען זיין פערד און עס איבערגעגעבן צו זיין קנעכט אַז ער זאָל געבן היי פאַר דעם פערד, ווי עס איז דער שטייגער פון מענטשן, און דער מוהל האָט דערוויל גאָרנישט מרגיש געווען אַז דער דאָזיקער בעל ברית איז אַ שד און אַ מזיק.

**יב. ויהי,** ווען דער בעל הבית האָט זיך געוואָנדן צו טוהן זיינע זאַכן, איז דער מוהל געגאַנגען אין דעם צימער וואו די יולדת האָט זיך דאָרט געפונען. ווען די מוטער פון קינד האָט דערזעהן דעם מוהל, האָט זי זיך געפרייט אַ גרויסע פרייד, און אים באַגריסט און אים געזאָגט: קום נענטער, מיין האַר, וועל איך פאַר דיר אַנטפּלעקן אַ גרויסן סוד.

**דאַן** האָט זי זיך אָנגערופן צו אים: וויסן זאָלסטו, אַז מיין מאַן איז אַ שד און אַ מזיק, און איך שטאַם פון מענטשן. ווען איך בין געווען קליין, האָבן די שדים מיך גענומען צו זיך, און איך בין שוין ביי זיי פאַרלוירן געוואָרן, ווייל אַלע זייערע מעשים זענען נאַרישקייטן און שפּעטעריי, און איצט וואָרן איך דיך אַז אויב דו ווילסט ראַטעווען דיין זעל און נשמה, זאָלסטו זיין געוואָרנט נישט צו עסן דאָ קיין שום מאכל און נישט צו טרינקען קיין שום געטראַנק, און נישט צו נעמען קיין שום מתנה נישט פון מיין מאַן און נישט פון אַן אַנדערן פון זיי. ווען דער מוהל האָט געהערט אירע רייד, האָט אים אָנגעכאַפּט אַ שטאַרקער ציטער און ער האָט זעהר מורא באַקומען.

**יג. ויהי,** ווען עס איז געוואָרן נאַכט, זענען געקומען אַ סאַך מענער

און ווייבער פון די דערפער מיט פערד און וועגענער. זיי האָבן אויסגעזעהן ווי מענטשן, אָבער זיי זענען געווען מזיקים און משחיתים. ווען עס איז געקומען די צייט פון דער סעודה, האָבן זיי געבעטן דעם מוהל ער זאָל וואַשן זיינע הענט און זיך אַוועקזעצן מיט זיי צו דער סעודת מצוה. דער מוהל האָט אָבער נישט געוואָלט עסן און טרינקען, זאָגנדיק: איך בין מיד פון וועג, און ער האָט גאָרנישט געגעסן און געטרינקען יענע נאַכט (וואָס מ׳רופט ״וויין נאַכט״ אָדער ״וואַך נאַכט״).

**יד. ויהי,** צומאָרגנס זענען זיי געגאַנגען אין דער שוהל צום דאַווענען, און דער מוהל האָט געמוזט דאַווענען און זינגען הויך אויפ׳ן קול דעם שטיקל ״וכרות עמו הברית״, אַזוי ווי עס איז דער שטייגער פון די מוהלים. נאָכן דאַווענען האָבן זיי געברענגט דאָס קינד, און ער האָט גע׳מל׳עט דאָס קינד אַזוי ווי עס איז פירט זיך ביי אַלע אידן.

**דערנאָך** האָט דער סנדק איינגעלאַדנט אַלע פאַרזאַמלטע געסט צו עסן זיסוואַרג (וואָס מען רופט ״לעקאך״) און צו טרינקען בראַנפן, און דער מוהל האָט געמוזט גיין צו דעם סנדק, אָבער ער האָט דאָרט גאָרנישט געגעסן אָדער געטרונקען, זאָגנדיק אַז ער האָט אַ תענית חלום.

**נאָך** האַלבן טאָג האָט דער בעל הבית זיך אָנגערופן: וויבאַלד דער מוהל האָט זיך באַמיט זיך צו גיין מער פון 12 פרסאות כדי מקיים צו זיין די מצוה פון מילה, דעריבער וועלן מיר מאַכן אַ סעודה פאַר אים ביינאַכט, ווען ער וועט אויספאַסטן פון זיין תענית. די גאַנצע כוונה פון דעם בעל הבית איז געווען, אַז דער מוהל זאָל עסן פון זיין ברויט און שפייז, ווייל דאַן וועט ער קענען געוועלטיקן אויף אים. דער בעל הבית האָט גאָרנישט געוואוסט פון דעם וואָס זיין ווייב האָט אַנטפּלעקט פאַר דעם מוהל אַז ער איז אַ שד און משחית.

**טו. ויהי,** ווען עס האָט זיך אָנגערוקט די נאַכט, איז פאָרגעקומען די סעודה פון ברית מילה, אָבער דער מוהל האָט נישט מיטגעגעסן אָדער געטרונקען מיט זיי צוזאַמען, זאָגנדיק, אַז ער שפּירט זיך נישט ביים בעסטן געזונט, און זיי האָבן געגעסן און געטרונקען פאַרשידענע גוטע מעדנים. ווען זיי זענען געווען גוט אָנגעטרונקען, האָט דער בעל הבית זיך אָנגערופן צו דעם מוהל: קום מיט מיר אין אַ דערבייאיקן צימער!

**דער** מוהל האָט זיך שטאַרק דערשראָקן און געטראַכט אַז מסתמא איז שוין געקומען זיין צייט צו שטאַרבן, און ער איז געגאַנגען מיט אים אין אַ דערנעבנדיקן צימער. דאָרט האָט דער בעל הבית געהאַט פאַרשידענע כלים פון זילבער. דערנאָך האָט ער אים אַריינגעפירט אין אַ צווייטן צימער, און ער האָט אים געוויזן כלים פון גאָלד און צו אים געזאָגט: "נעם איין כלי פאַר אַן אָנדענק". האָט דער מוהל געענטפערט: איך האָב כלים פון גאָלד און פון זילבער, און איך פאַרמאָג אַלדאָס גוטס אין דער וועלט: גוטע כלים און בריליאַנטן, רינגלעך און אָרעמבּענדער און האַלדז-בענדער. האָט דער בעל הבית געזאָגט צו אים: נעם איינע פון די רינגלעך אָדער אַן אַנדערע כלי וואָס איז טייער און חשוב אין דיינע אויגן. אָבער דער מוהל האָט גאָרנישט געוואָלט נעמען, און אויף אַלעם האָט ער געענטפערט, אַז ער האָט אויך זייער פיל איידלשטיינער און בריליאַנטן.

**טז. אחר כך,** דערנאָך האָט דער בעל הבית אַריינגעפירט דעם מוהל אין אַ צימער וואָס האָט געהאַט אַ סאַך שליסלען אַרום זיך, און די שליסלען האָבן געהאָנגען אויף זייער אַ סאַך טשוועקעס, האָט דער מוהל זיך זייער שטאַרק געוואונדעט אויף דער דאָזיקער זאַך, און אים האָט זיך געדאַכט אַז די שליסלען זענען צוגעבונדן איינער צום אַנדערן, אַזוי ווי ער האָט ביי זיך אין דער היים פאַר אַלע זיינע צימערן און קאַסטנס.

**דערנאָך** האָט דער בעל הבית געפרעגט דעם מוהל: מיין האַר, איך האָב דיר געוויזן אַזוי פיל זילבערנע און גאָלדענע כלים און אַזוי פיל אוצרות פון טייערע בריליאַנטן, און דו האָסט זיך נישט געוואונדערט וועגן זיי, נאָר אויף דעם דאָזיקן אוצר פון אייזן וואונדערסטו זיך אַזוי שטאַרק, וואָס די שליסלען זענען דאָך אַלע פון אייזן?

**האָט** דער מוהל אים געענטפערט: איך וואונדער זיך איבער דעם דאָזיקן בינטל שליסלען, ווייל זיי זענען אַלע גלייך צו די הייזער און צימערן וואָס איך האָב ביי מיר אין דער היים, און זיי זענען דאָ אויפגעהאָנגען אויף דעם טשוואָק.

**האָט** דער בעל הבית געזאָגט צו אים: וויבאַלד דו האָסט מיט מיר געטוהן אַ גמילות חסד און דו ביזט געגאַנגען מיט מיר אַרום 12 פרסאות כדי צו מל'ען מיין זוהן, און איך האָב געזעהן אַז דער אויבערשטער איז מיט דיר, ווייל דו האָסט גאָרנישט געגעסן אָדער געטרונקען אָדער גענומען עפּעס פון מיין פאַרמעגן, וועגן דעם וועל איך דיר דערציילן דעם אמת, אַז איך בין דער הויפּט ממונה פון די שדים וואָס זענען ממונה אויף די מענטשן וועלכע זענען קאַרגע פון זייער נאַטור, זענען אַלע זייערע שליסלען איבערגעגעבן אין אונזער רשות, כדי זיי זאָלן נישט האָבן דעם כח און די מעגלעכקייט צו טוהן צדקה אָדער גמילות חסד מיט זייער געלט, און אויך פאַר זיך אַליין האָבן זיי נישט קיין רשות הנאה צו האָבן און פאַר זיך צו קויפן עפּעס אַ גוט מאכל אָדער אַנדערע זיסיקייטן, אָבער וויבאַלד דו האָסט מיט מיר געטוהן אַ גענאָד, נעם דיר דעם בינטל פון די שליסלען, און דו זאָלסט נישט מורא האָבן. און דער מזיק האָט געשוואוירן ביי דעם אויבערשטן'ס נאָמען, אַז עס וועט מיט דעם מוהל נישט פאַסירן קיין שלעכטס.

**יז. ויקח,** דאַן האָט דער מוהל גענומען דעם בינטל שליסלען און איז

אַהיימגעגאַנגען פריילעך. ווען ער איז אָנגעקומען אַהיים האָט זיך זיין האַרץ איבערגעקערט און ער איז געוואָרן אַ נייער מענטש, ער האָט פון דאַן אָן געטוהן צדקה און געשפייזט די אָרימעלייט, און ער האָט געקליידעט די נאַקעטע, און ער האָט געטוהן חסד ביז דעם טאָג ווען ער איז געשטאָרבן, און ער איז נפטר געוואָרן מיט אַ גוטן נאָמען.

**יח. ולפי זה,** און לויט דעם געפעלט מיר צו זאָגן, אַז דאָס איז די כוונה פון דעם אויבן דערמאנטן מדרש: "יברכך ה׳ - בממון", דער אויבערשטער וועט דיך בענטשן אַז דו זאָלסט האָבן אַ סאַך געלט און אוצרות פון זילבער און גאָלד. און אויב דו וועסט פרעגן: וואָס פאַראַ הנאה האָב איך פון יענע אוצרות פון זילבערנע און גאָלדענע כלים, אויב די שליסלען זענען איבערגעגעבן אין דער האַנט פון די שדים און מזיקים? אויף דעם זאָגט דער מדרש ווייטער, "וישמרך מן המזיקים", אַז די שליסלען זאָלן נישט זיין איבערגעגעבן אין זייער האַנט, און דאַן וועסטו געוועלטיקן אויף דיין פאַרמעגן, און דו וועסט קענען טוהן צדקה און גמילות חסדים מיט דעם פאַרמעגן וואָס דער אויבערשטער וועט דיר געבן.

## דער מענטש וואָס איז קאַרג צו געבן צדקה, געפינט זיך אין רשות פון דער סטרא אחרא רחמנא ליצלן

**יט. מכל הנזכר לעיל,** פון דעם אלעם וואס ווערט אויבן דערמאנט איז געדרונגען, אַז דער מענטש וואָס איז אַ גרויסער קמצן, געפינט זיך אין דעם רשות פון דער קליפה און אין רשות פון די שדים אַז זיי רוהען איבער דעם געלט, און דער מענטש וואָס איז אַ וותרן, איז אונטער דעם רשות פון דער קדושה. דעריבער זאָל דער מענטש זעהן נישט צו זיין אַ גרויסער קמצן, כדי זיך אַריינצוברענגען אין דער קדושה, און אַזוי וועט ער זוכה זיין צו עולם הבא אמן.

# פרק כ"ו

**אין דעם פרק ווערט דערקלערט: דער קאַרגער צר עין איז גורם שלעכטס פאַר זיך און פאַר דעם מענטש וואָס האָט פון אים הנאה. - אַ מעשה ווי אַזוי נחום איש גם זו האָט אויף זיך מקבל געווען יסורים ווייל ער האָט נישט תיכף געגעבן צו עסן פאַר אַן אָרימאַן. - אַ פשט אויף דעם פסוק "צדיק אוכל לשובע נפשו ובטן רשעים תחסר".**

**א. כתיב,** עס שטייט אין פסוק (משלי כג, ו-ז) "אַל תִּלְחַם אֶת לֶחֶם רַע עָיִן", דו זאָלסט נישט עסן ביי אַ קאַרגן מענטש וואָס ער פאַרגינט דיר נישט דאָס עסן, "כִּי כְּמוֹ שָׁעַר בְּנַפְשׁוֹ", ווייל דאָס פרעמדע עסן איז ביי דעם בעל הבית גלייך ווי אַ גאָלמעסער, עס שניידט אים זיין לייב. לויט דעם קומט אויס, אַז די ווערטער "כמו שער בנפשו" גייען אויף דעם בעל הבית, וואָס ער גיט נישט זיין ברויט צו פרעמדע מענטשן.

**ב. אבל הזוהר,** אָבער דער זוהר (חלק ב', דף ג' עמוד א') טייטשט אַנדערש, אַז דער וואָס עסט ביי דעם רע עין, שאַדט דאָס עסן פאַר דעם מענטש וואָס עסט דאָרט גלייך ווי אַ גאָלמעסער שניידט אַריין אין זיין לייב און דאָס עסן איז פאַר אים ווי סם המות. ווייניק טעג וועלן אַדורכגיין ביז ער וועט ח"ו קראַנק ווערן און עס קען אפילו זיין אַז דורך דעם עסן וועט ער קראַנק ווערן מיט אַ קראַנקהייט וואָס קען אים ברענגען אין אַ סכנה ח"ו.

### דער צר עין דאַרף תשובה טוהן אויך פאַר דעם וואָס ער האָט גורם געווען אַ צרה פאַר אַ צווייטן

**ג. ולכן,** און דעריבער האָט רבינו הקדוש (רבי יהודה הנשיא) נישט געוואָלט עסן ביי קיין שום מענטשן, ווייל ער האָט מורא געהאַט ער זאָל נישט הנאה האָבן פון אַ קאַרגן מאַן און דערנאָך וועט

ער עס מוזן אויסקרענקן. קומט אויס אַז דער מענטש וואָס איז אַ צר עין, איז גורם שלעכטס פאַר זיך און פאַר אַנדערע מענטשן. און אַמאָל אַז עס שטאַרבט דער מענטש וואָס האָט געגעסן ביי דעם צר עין, איז דאָס צוליב דעם צר עין, מוז ער דערויף תשובה טוהן, אַזוי ווי אונזערע חכמים זכרונם לברכה האָבן געזאָגט (שבת דף ל״ב עמוד א׳) "מגלגלין זכות על ידי זכאי וחובה על ידי חייב", דער אויבערשטער שיקט אַ גוטע זאַך דורך אַן ערלעכן איד, און אַ שלעכטע זאַך דורך דעם רשע.

## דער קמצן און צר עין איז גורם שלעכטס אויך פאַר זיך

**ד. ולפעמים,** און אַמאָל קען פאַסירן אַז דער קאַרגער מענטש זאָל פאַר זיך אַליין גורם זיין ער זאָל שטאַרבן צוליב אַ קלייניקייט, אַזוי ווי איך האָב געזעהן אַ סאַך מענטשן וואָס האָבן נישט געוואָלט געבן צו די בעלי מלחמה אַ קליינע זאַך, צום ביישפיל, טאַבאַק אָדער אַנדערע קלייניקייטן, און צוליב די דאָזיקע קלייניקייטן וואָס די קאַרגע האָבן נישט געוואָלט געבן, האָבן די מלחמה האַלטער געהרג׳עט די קאַרגע מענטשן.

**ח. ולפעמים,** און אַמאָל האָבן זיי געקענט ראַטעווען מענטשן מיט אַ קלייניקייט, און שפעטער, ווען עס האָבן זיך געשטאַרקט די בלבולים, האָט ער שוין געוואָלט געבן זיין גאַנץ פאַרמעגן, אָבער ער האָט זיי נישט געקענט געבן, ווייל איז צו די דאָזיקע מענטשן. וועגן זיי האָט שלמה המלך ע״ה געזאָגט (קהלת ה, יב) "יש עושר שמור לבעליו לרעתו", עס איז פאַראַן אַ רייכטום וואָס איז אָפּגעהיט פאַר זיין בעל הבית פאַר זיין שלעכטס.

## פאַרוואָס נחום איש גם זו האָט אויף זיך גענומען יסורים אויף דער וועלט

**ו. ובא וראה,** און קום און זעה וואָס עס שטייט אין דער גמרא אין מסכת תענית (דף כ״א עמוד א׳) עס האָט פאַסירט מיט נחום איש גם זו אַז ער האָט אַמאָל באַגעגנט אַן אָרימאַן. האָט דער

אָרימאַן צו אים געזאָגט, רבי, שפייז מיך. איז נחום איש גם זו תיכף געגאַנגען און האָט אַראָפּגענומען די משא פון דעם אייזל און האָט אַרויסגענומען שפּייז פאַר דעם אָרימאַן צו עסן. נאָך איידער נחום איש גם זו האָט אים געגעבן דאָס שפייז, איז דער אָרימאַן דערווייל געשטאָרבן.

**ז. אמר,** האָט דער צדיק (נחום איש גם זו) געזאָגט, מיינע אויגן וואָס האָבן אויף דיר נישט רחמנות געהאַט זאָלן בלינד ווערן, מיינע הענט וואָס האָבן דיר נישט באַלד געגעבן דאָס עסן, זאָלן אפגעהאַקט ווערן, און מיין גאַנצער גוף וואָס האָט אויף דיר נישט געהאַט רחמנות, זאָל אוודאי געשטראָפט ווערן מיט יסורים. און אַזוי איז טאַקע געוואָרן, אַזוי ווי נחום איש גם זו האָט אויף זיך אַליין גוזר געווען.

**ח. ואחר כך,** און דערנאָך האָבן די תלמידים אים דערזען מיט די יסורים, האָבן זיי אָנגעהויבן צו וויינען. האָט נחום איש גם זו צו זיי געזאָגט, פאַרוואָס וויינט איר? איך האָב דאָך עס פאַר מיר אַליין גורם געווען, ווייל מיין געוויסן איז נישט אָפּגעקילט געוואָרן ביז איך האָב געזאָגט אַז מיין גאַנצער גוף זאָל ווערן פול מיט קרעץ. האָבן די תלמידים צו אים געזאָגט, ווי איז צו אונז וואָס מיר זעהען דיך מיט אַזעלכע יסורים.

**ט. אמר להם,** האָט נחום איש גם זו צו זיי געזאָגט, ווי וואָלט מיר געווען אויב איר וואָלט מיך נישט געזען מיט די יסורים, ווייל איך וואָלט געשטראָפט געוואָרן אין עולם הבא, דערפאַר וואָס איך האָב נישט באַלד געגעבן דאָס עסן פאַר דעם אָרימאַן, אָבער היינט קום איך אָפּ די שטראָף אויף דער וועלט.

## ווען מען לאַדנט געסט דאַרף מען זיי געבן עסן מיט אַ ברייטע האַנט

**י. על כן,** דעריבער דאַרף דער מענטש זעהן ווען ער האָט געסט אין זיין הויז, זאָל ער זיי געבן צו עסן מיט אַ ברייטער האַנט. דאָס הייסט, ער זאָל זיי דאָס פאַרגינען און ער זאָל פאַר זיי אַרויסווייזן אַ פריילעך פנים, אָבער אויב ער פאַרשטייט אויף זיך אַז ער וועט עס נישט טוהן, זאָל ער בעסער גאָרנישט איינלאַדן צו זיך קיין געסט, כדי ער זאָל ח"ו נישט קומען צו אַ שטראָף און ער וועט מוזן תשובה טוהן דערויף.

**יא. ועל פי זה,** און לויט דעם קענען מיר טייטשן דעם פסוק (משלי יג, כה) "צַדִּיק אֹכֵל לְשֹׂבַע נַפְשׁוֹ וּבֶטֶן רְשָׁעִים תֶּחְסָר", דער מענטש וואָס עסט ביי דעם צדיק וואָס ער פאַרגינט אַוודאי דאָס עסן, וועט עסן צו דער זאַט, און אַפילו אויב ער עסט גאָר ווייניק, ווערט ער פאָרט זאַט דערפון, ווייל ער גיט עס אים מיט זיין גאַנצן האַרצן, "וּבֶטֶן רְשָׁעִים תֶּחְסָר", אָבער דער מענטש וואָס עסט ביי אַ רשע, ווען ער עסט אַפילו גאָר אַ סאַך, ווערט ער פאָרט נישט זאַט פון דעם עסן, ווייל דער רשע פאַרגינט אים נישט דאָס עסן, ווייל דאָס איז אַ גרויסער כלל, אַז דער וואָס איז אַ רע עין, דער קען נישט אָנזעטיקן זיין לייב, און אַוודאי אַז ער קען נישט געבן פאַר אַנדערע פון זיין גוטס וואָס דער אויבערשטער האָט אים געשענקט.

## פאַרוואָס עס איז געקומען אַ האַרבע שטראָף אויף נבל

**יב. וכמו שמצינו,** און אַזוי ווי מיר געפינען ביי נבל (שמואל א כה, יא) אַז ער האָט נישט געוואָלט שיקן קיין מתנה פון זיין סעודה מיט די קנעכט פון דוד, און ער האָט דערמיט גורם געווען שלעכטס פאַר זיך, אַז ער איז געשטאָרבן אין דער מגיפה צוליב דער דאָזיקער עבירה, דעריבער דאַרף דער מענטש זיך דערווייטערן פון דער דאָזיקער מדה, און דאַן וועט אים גוט זיין אייביג.